**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 13 נאמינאציעס צו סטעיט און נאציאנאלע פלעצער צו ווערן רעגיסטרירט אלץ היסטארישע פלעצער

***סייטס פארטרעטן אן אויסוואל פון היסטארישע אוצרות, אריינגערעכנט א הויפט סייט פארבינדן מיט ראטשעסטער'ס LGBTQ+ היסטאריע, א היסטארישע שול אין מאנהעטן'ס אפער וועסט סייד, א פובליק פארק אין איטאקא, א קירכע פארבינדן מיט יאנקערס' ציווילע רעכטן היסטאריע און אן איבערגעבויטע לאסטראן הויז אין די טאון אוו אידען***

***באורד גיבט אריין איין פארלאנג צו רוקן א ליסטעד ריסאורס אין קאלומביע קאונטי צו די נאציאנאלע פארק סערוויס***

***ווערן רעגיסטרירט אויף די ליסטעס פון היסטארישע פלעצער מאכט זיכער אז די פלעצער ווערן אפגעהיטן דורך פובליק און פריוואטע אינוועסטירונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט באורד פאר היסטארישע אפהיטונג (Board for Historic Preservation) האט רעקאמענדירט צו צולייגן 13 פּראפּערטיס צו די סטעיט און נאציאנאלע ליסטעס פון היסטארישע פלעצער און אריינגעגעבן איין פארלאנג צו רוקן א ליסטעד ריסאורס צו די נאציאנאלע פארק סערוויס. די נאמינעישאנס נעמען אריין א הויפט סייט פארבינדן מיט ראטשעסטער'ס LGBTQ+ היסטאריע, א היסטארישע שול אין מאנהעטן'ס אפער וועסט סייד, א פובליק פארק אין איטאקא, א קירכע פארבינדן מיט יאנקערס' ציווילע רעכטן היסטאריע און אן איבערגעבויטע לאסטראן הויז אין די טאון אוו אידען.

"ניו יארק'ס געבויטע ענווייראנמענט דערמאנט אונז פון אונזער סטעיט'ס רייכע און פארשידנארטיגע היסטאריע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נאמינעישאנס שפיגלען אפ טיילן פון אונזער פארגאנגענהייט און צייגן ניו יארקערס מעגליכקייט פאר וואוקס, ערפינדונג, דעמאנסטראציע, און טויש. צולייגן די סייטס צו אונזער רעגיסטערס שטרייכט אונטער די ראלעס וואס זיי האבן געשפילט - און וועלן ווייטער שפילן - אין ניו יארק'ס געשיכטע."

סטעיט און נאציאנאלע ליסטעס פון רעגיסטער היסטארישע פלעצער קענען ארויסהעלפן אייגנטימער צו אויפלעבן פּראפּערטיס, זיי מאכנדיג בארעכטיגט פאר פארשידענע פובליק אפהיטונג פראגראמען און סערוויסעס, ווי צום ביישפיל צו צוזאמפארן סטעיט גרענטס און פעדעראלע היסטארישע ריהעביליטעישען טעקס קרעדיטס.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג קאמיסיאנער עריק קולעסייד האט געזאגט**, "אינוועסטירונג אין אונזערע היסטארישע ריסאורסעס איז אן אינוועסטירונג אין אונזער צוקונפט. סטעיט פארקס ווייסט ווי אויסערארדנטליך אונזערע ריסאורסעס זענען און מיר זענען

אנטשלאסן צו פרעזערווירן און פאראויסשטופן יענע היסטארישע געוועב. מיט סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטערס אנערקענונג, קענען געלעגנהייטן פאר סטעיט און פעדעראלע שטייער קרעדיטס העלפן פירן פרעזערווירונג באמיאונגען פאראויס און מוטיגן נאך אינוועסטירונגען אין אונזערע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג דעפיוטי קאמישאנער פאר היסטארישע פרעזערווירונג דאניעל מקקעי האט געזאגט,** " די סלעיט פון נאמינעישאנס איז א מערקווירדיגע אפשפיגלונג פון די פארנעם פון היסטארישע אינפראסטרוקטור וואס עקזיסטירט אין אונזערע סיטיס, טאונס, און געגנטער און דערמאנט אונז ווי אזוי פלעצער קענען העלפן דערציילן אונזערע געמיינזאמע געשיכטע. ביי די דיוויזיע פון היסטארישע אפהיטונג זענען מיר איבערגעגעבן צו שטיצן ניו יארק'ס היסטארישע אוצרות, אריינגערעכנט דעזיגנאציעס צו די סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטערס, און מיר זענען שטאלץ צו פארזעצן די ארבעט."

ניו יארק סטעיט פירט ווייטער דעם לאנד אין באנוץ פון היסטארישע שטייער קרעדיטס, מיט 4.5 ביליאן דאלער אין סך הכל ריהאביליטעישאן קאסטן פון 2017-2021. זייט 2011, האט די היסטארישע שטייער קרעדיט פראגראם סטימיולירט איבער 12 ביליאן דאלער אין פראיעקט אויסגאבן אין ניו יארק סטעיט, שאפנדיג באדייטנדע אינוועסטירונג און נייע דזשאבס. לויט א באריכט, צווישן 2017-2021 האבן די קרעדיטס אין ניו יארק סטעיט געשאפן 69,769 דזשאבס און ארויסגעגעבן איבער 1.3 ביליאן דאלער אין לאקאלע, סטעיט, און פעדעראלע שטייערן.

די סטעיט און נאציאנאלע ליסטעס פון רעגיסטרירטע היסטארישע פלעצער זענען די אפיציעלע ליסטעס פון געביידעס, סטרוקטורן, דיסטריקטס, לאנדשאפטן, חפצים און שטחים וועלכע האבן א טיפערע באדייט אין די היסטאריע, ארכיטעקטור, ארכעאלאגיע און קולטור פון ניו יארק סטעיט און פון דאס לאנד. עס זענען פארהאן מער ווי 120,000 היסטארישע פראפערטיס לענגאויס דעם סטעיט איינגעשריבן אויף דער נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע ערטער, אינדיווידיועל אדער אלס שטאנדטיילן פון היסטארישע דיסטריקטן. פראפערטי אייגנטימער, לאקאלע רעגירונגען און ארגאניזאציעס פון קאמיוניטיס איבער די סטעיט האבן אריינגעגעבן די נאמינאציעס.
נאכדעם וואס רעקאמענדאציעס ווערן באשטעטיגט דורך די קאמישאנער, וואס דינט אלץ די סטעיט'ס היסטארישע אפהיטונג אפיציר, ווערן די פראפערטיס ארויפגעלייגט אויף די ניו יארק סטעיט ליסטע פון רעגיסטרירטע היסטארישע פלעצער און דערנאך ווערן זיי נאמינירט פאר די נאציאנאלע ליסטע פון רעגיסטרירטע היסטארישע פלעצער וואו זיי ווערן איבערגעקוקט, און אריינגעלייגט אין די נאציאנאלע ליסטע איינמאל זיי ווערן באשטעטיגט. מער אינפארמאציע, מיט בילדער פון די נאמינאציעס, איז פארעפנטליכט אויף די אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג וועבזייטל.

**<u>הויפטשטאט דיסטריקט</u>**
**קאלאמביע טורנפייק איסט טאלהאוז, קאלומביע קאונטי -** די קאלומביע טורנפייק איסט טאלהאוז, וואס געפינט זיך אויפן צפון זייט פון סטעיט רוט 23 אין די טאון או הילסדעיל, איז א זעלטענע און באדייטנדע איבערגעבליבענע געביידע פון ניו יארק סטעיט'ס טורנפייק עפאכע. די געוועזענע קאלאמביע טורנפייק איז אן איבערלאנד רוט צווישן מערב מאסאטשוסעטס און די האדסאן טייך ביי האדסאן, ניו יארק, וואס איז געווען אקטיוו צווישן 1799 און 1906. די האלץ-געראמטע טאלהאוז איז געבויט געווארן צו דינען אלס א טאל-האלטער'ס הויז און, ביז 1906, האט די געביידע פארמאגט אין פארנט א טאל צוים וועלכע מען האט געקענט הייבן און נידערן צו באגרעניצן באוועגונג פון שאסיי טראפיק. די געביידע איז אויסגערעכנט געווארן אויף די נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע פלעצער אין 2016 און די פארבעסערונג שלאגט פאר צו אריבערפירן די געביידע מיט דרייסיג פוס צו באשיצן די געביידע פון טראפיק און שאסיי סכנות. די באורד האט איבערגעקוקט און באשטעטיגט די נייע לאקאציע אלס ענליך אין כאראקטער צו די אריגינעלע סייט. דעם אריבערציאונג, וואס ווערט אנגעפירט דורך פריינט פון איסט

געיט, וועט אריינגעמען און אנהאלטן די געביידע'ס אריגינעלע שטריכן, אריענטאציע, און היסטארישע פארבינדונג מיטן שאסיי.

__פינגער לעיקס__

**אוק היל קאנטרי קלאב, מאנראו קאונטי** - די אוק היל קאנטרי קלאב אין די טאון אוו פיטספארד איז אנטוויקלט געווארן אין 1924-26 מיט צוויי אכצן-לעכער גאלף קאורסעס וואס שטייען נעבן א גרויסע טודאר רעוויווועל סטיל קלאב הויז. ביידע קאורסעס זענען געמאכט געווארן דורך פריע צוואנציגסטע יאר-הונדערט מייסטער גאלף קאורס דעזיינער דאנאלד ראס און זענען קלאסישעביישפילן פון ראס'ס ווערק, וואס איז כאראקטעריזירט געווארן דורך א נאטוראליסטישע צוגאנג. ער האט גענוצ די סלאופס פון די ברייטע געוועזענע פארם לאנד צו אויסלייגן לאנג דורכגענג מיט איידל געבויגענע פלאנצונגען, צושטעלנדיג אפענע צוגאנגען שטייענדיג נעבן בונקערס וואס באשיצן סטראטעגיש די פלאנצונגען פון פארנט און די זייטן. די קאורסעס זענען שפעטער פארשענערט געווארן דורך א פראגרעסיווע בוים פראגראם, אנגעפירט דורך מיטגלידער, וואס האט צוגעלייגט נאך טשאלענדזשעס דורך ברייטע און סטראטעגישע בוים פלאנצונגען. כאטש וואס די מזרח קאורס איז פארענדערט געווארן עטליכע מאל כדי עס צו אדאפטירן צו היינטיגע גאלף סטאנדארטן, האט מען עס לעצטנס צוריקגעשטעלט צו זיין נאנט ענליך צום אריגינעלן דעזיין. דער מערב קאורס פארבלייבט כמעט גענצליך אומבארירט ווי ראס'ס דעזיין. די ברייטע טודאר רעוויווועל קלאב הויז איז געבויט געווארן אין 1929 צום דעזיין פון א לאקאלע פירמע, טאמפסאן, האומס און קאנווערס, און איז אן אויסגעצייכנטן און העכסט אומבארירטן בייַשפיל פון איר סארט.

**טאד יוניאן, מאנראו קאונטי** - טאד יוניאן איז א דזשארדזשיען רעוויווועל סטיל געביידע וואס געפינט זיך אויף די אוניווערסיטעט אוו ראטשעסטער'ס טייך קאמפוס אין די סיטי אוו ראטשעסטער. געבויט אין 1930 און טראגנדיג דעם נאמען פונעם פראמינענטן ראטשעסטער ביזנעסמאן און קאמפוס אדוואקאט דזשארדזש וו. טאד, איז די געביידע דעזיינ'ט געווארן דורך ראטשעסטער ארכיטעקטן גארדאן און קעלבער. איר געבוי שפיגלט אפ איר ראלע אלס אן אקטיוויטעט צענטער און האט אריינגענומען עסן, איינקויף, בארבער, געים, און קלאב פאסיליטיס פאר סטודענטן. טאד יוניאן האט א פריע און באדייטנדע פארבינדונג מיט די אוניווערסיטעט אוו ראטשעסטער'ס געי ליבערעישאן פראנט ( University of Rochester's Gay Liberation Front, UR GLF), אן ארגאניזאציע וואס האט געארבעט צו פאראויסשטופן די געי פרייהייט באוועגונג אויפן קאמפוס און אין די סיטי אוו ראטשעסטער. באזירט אין אן אפיס אין טאד יוניאן, האט די UF GLF זיך צוזאמגענומען און מיטגעטיילט ריסאורסעס, ארגאניזירט פראגראמען און אדוואקעסי צוזאמענקונפטן, פלאנירט ספעציעלע אקטיוויטעטן, פראדוצירט פריע אויסגאבעס פון "די ליידיגע שאפע" צייטונג, און געשאפן קאמיוניטי. די UR GLF ווערט באטראכט אלס דעם אפשטאם פון די LGBTQ+ רעכטן באוועגונג און אקטיוויזם אין די ראטשעסטער געגנט, און טאד יוניאן איז געווען א וויכטיגע געזעלשאפטליכע פלאץ וואס האט פארמאכט דעם לאך צווישן סטודענטן און קאמיוניטי מיטגלידער, וואס האט געהאלפן אוועקשטעלט א בליענדע און זעבארע LGBTQ+ קאמיוניטי אין די סיטי און ארומיגע געגנטער.

__לאנג איילענד__

**יארק האל, סופאלק קאונטי** - געפינענדיג זיך אויף די ערד פון די געוועזענע קינגס פארק פסיכיאטרישע צענטער (Kings Park Psychiatric Center, KPPC) און יעצט אינערהאלב די גרעניצן פון די ניסעקאג טייך סטעיט פארק אין די האמלעט פון קינגס פארק, איז יארק האל א קאלאניעל רעוויווועל-סטיל טעאטער געביידע געמאכט דורך די ניו יארק סטעיט ארכיטעקט'ס אפיס און געבויט אין די פריע 1930 יארן. עס איז געווען א בויגזאמע, געמישע-באנוץ פאסיליטי וואס האט געקענט אריינגעמען א ברייטע פארנעם פון שפיטאל און קאמיוניטי אקטיוויטעטן, אריינרעכענענדיג טעאטער שפילן, מוזיק, מאוויס; באסקעטבאל און אנדערע פארוויילונגס ספארטן; דינערס; רעליגיעזע סערוויסעס; פאציענט פארשטעלונגען, אויסשטעלונגען, און קונסט פארקויפונגען; און נאך. עס האט געדינט אלס א פלאץ וואס

האט פארבינדן דעם שפיטאל מיט די קאמיוניטי און געשפילט א צענטראלע ראלע אין די לעבנס פון די שטאב און פאציענט באפעלקערונגען.

<u>**מיטל-הודסאן**</u>

**וועסטמינסטער פרעסביטעריען קירכע, וועסטשעסטער קאונטי** - די געוועזענע וועסטמינסטער פרעסביטעריען קירכע, יעצט מעסייע באפטיסט קירכע, געפינט זיך אין די סיטי אוו יאנקערס. אריגינעל געבויט אין 1880 און באזירט אויף דעזיינס פון ניו יארק סיטי-באזירטע קירכע ארכיטעקט לארענס ב. וואלק, איז די געביידע א שטארקע בײַשפיל פון א שפעט-נײַנצן-יאר-הונדערט גאטיק רעוויוועל פראטעסטאנטישע אודיטאריום קירכע. אין 1965, איז די געביידע פארקויפט געווארן פאר די מעסייע באפטיסט קירכע, די עלסטע שווארצע קירכע קאנגרעגעישאן אין וועסטשעסטער קאונטי. די קירכע האט געשפילט א צענטראלע ראלע אין סיי די יאנקערס און וועסטשעסטער קאונטי שווארצע קאמיוניטי זייט די שפעטע נײַנצנטע יאר הונדערט און איז געווען א צענטראלע פונקט אינעם ראיאן פאר ציווילע רעכטן באוועגונג. אין 1965 האט די קירכע געהאלטן א נעגרא אמעריקאנער לעיבאר קאונסיל ראלי, מיט רעדעס דורך רעוו. דר. מארטין לוטער קינג דזשר., א. פיליפ ראנדאלף פון די נעגרא אמעריקאנער לעיבאר קאונסיל, און דזשעימס פארמער פון די קאנגרעס פון ראסישע אײַניגקייט. צווישן 1988 און 1990, אונטער די פירערשאפט פון רעוו. דאריל דזשארדזש, איז מעסייע באפטיסט קירכע געווען א הויפט באזע פארן אנהויבן און ארגאניזירן די העכסט אנערקענטע דיסעגרעגעישאן באוועגונג אין יאנקערס.

**טיאראנדא עסטעיט-קרעיג האוז היסטארישע דיסטריקט, דאָטשעס קאַונטי** - געפינענדיג זיך אין די סיטי אוו ביקאן און די טאון אוו פישקיל, איז טיאראנדא די הויפט פון די ניין און זעכציג עיקער פראפערטי, די מיטן-נײַנצטן יאר-הונדערט עסטעיט פון דזשאסעף און עליזע וואלסי האולענד, וועלכע נעמט אריין א גאטיק רעוויוועל מעין הויז מיט קאלאניעל רעוויוועל און ענגלישע קאטעדזש צוגאבע און אוטבילדינגס אוועקגעשטעלט אין א אויגפארכאפנדע, דעזיינ'ט אומגעבונג. די עסטעיט געביידעס זענען דעזיינ'ט געווארן דורך ארכיטעקטן פרעדעריק קלארק וויטערס און ריטשארד מאריס פאר די האולענדס, ארײַנגערעכנט האולענד'ס שוועסטער קאטערין, וואס האט געהייראט האנט אין 1861. די לענדסקעיפ דעזיין איז געווען די ווערק פון הארטיקולטוריסט הענרי ווינטראפ סארדזשענט, א סטודענט און שטיצער פון ענדרו דזשעקסאן דאונינג. אין 1915, איז די עסטעיט אפגעקויפט געווארן דורך דאקטוירים קלערענס דזשאנאטאן סלאקום און ראבערט לעמב און איז געווארן די קרעיג הויז סאניטאריום, א פריוואטע-אייגנטום אינסטיטוציע וואס האט געשעטיצט די מענטשליכע באהאנדלונג צו גייסטישע געזונטהייט קעיר. דר. סלאקום, א פירנדער דאקטער פון מענטשליכע באהאנדלונג, האט ארײַנגענומען אלע שטריכן פון די גראזיגע קאנטרי הויז און הערליכע לאנדשאפט אינעם שפיטאל, וועלכע האט זיך פארלאזט אויף אינדיווידועליזירטע באהאנדלונג אין הערליכע נאטורליכע אומגעבונג. אין די 1950 יארן, האט מעדיצינישע באהאנדלונג פון גייסטישע געזונטהייט אנגעהויבן צו מאכן געביידעס אזוי ווי קרעיג הויז אומנויטיג.

<u>**מאוהאק וואלי**</u>

**די ביטשעס היסטארישע דיסטריקט, אניידע קאונטי** - די ביטשעס איז א גרויסע און פארגעשריטענע פריע צוואנציגסטע יאר הונדער קאנטרי עסטעיט אין די סיטי אוו ראום. די געביידעס און לאנדשאפט איז דעזיינ'ט געווארן צווישן 1916 און 1949 פאר די פאמיליע פון פראנק פאטער, א לאקאלער ערפינדער און ביזנעסמאן, און נעמט אריין זעקס טודאר רעוויוועל שטיינערנע געביידעס, א היסטארישע צעמענטענע שווים באסיין, און צווי שטיינערנע צוים סטרוקטורן. די לאנדשאפט פארמאגטביימער און א בערגיגע, אפענע גארטן מיט א געדרייטע דרייוו-וועי וואס פאראייניגט געביידעס ביים אויבן און אונטן פונעם בארג. די ביטשעס איז אויך באדייטנד פאר אירע בײַשטײַערונגען צו די עקאנאמישע היסטאריע פון ראום, ספעציעל פאר איר פארבינדונג מיט די דעסטיטא פאמיליע, וועלכע האט אפגעקויפט די ביטשעס אין 1949 און עס אנטוויקלט צו א ראיאן-באדייטנדע רעסטוראנט און מאטעל קאמפלעקס. דורכן צולייגן

איבערנאכט מעגליכקייטן, אזוי ווי א דזשארדזשיען רעוויווואל סטיל מאטעל, און אקטיוויטעטן אזוי ווי גאלף און שווימען, האבן זיי פארברייטערט די צוציאונג פונעם רעסטוראנט צו ציען ראיאנישע טוריסטן, נוצנדיג זייער נאנטקייט צו די נייע גריפיס עיר פארס באזע, א לעצטנס-פארענדיגטע ניו יארק סטעיט טרואוועי, און די אטראקציעס אזוי ווי די אדיראנדעק מאונטענס, ווערנאן דאונס רעיסוועי, און איינקויף אוטלעטס. דאס, איאיינעם מיט די אויפשטייג פון נאך-צווייטע-וועלט-קריג טוריזם, האט געמאכט זייער ביזנעס ערפאלגרייך, פאפולער, און דויערהאפטיג, שטארקנדיג די ראיאנישע עקאנאמיע אריין אינעם צוואנציגסטן יאר הונדערט.

**ערשטע קירכע פון קריסט, סייענטיסט, אניידע קאונטי** - אריגינעל געבויט אין די סיטי און יוטיקע אין 1914, איז די געוועזענע ערשטע קירכע פון קריסט, סייענטיסט, דעזיינ'ט געווארן דורך יוטיקע ארכיטעקטור פירמע, אגנע, ראשמער און דזשעניסען. עס איז א העכסט אומבארירטע און כאראקטעריסטישע בייַשפּיל פון קלאסישע רעוויוועל ארכיטעקטור דעזיין און נעמט אריין די פשוט'ע, לאגישע גלויבנס וואס הייניגע קריסטליכע סייענסיטיפישע קירכעס שטופן פאראויס. אצינד איז עס אונטער די אייגנטום פון די אניידע קאונטי היסטארישע סאסייעטי און איז באקאנט אלס די אניידע קאונטי היסטאריע צענטער.

<u>ניו יארק סיטי</u>

**ענגליש עוואנגאליקל לוטערן קירכע פון די רעפארמאציע, קינגס קאַונטי** - געפינענדיג זיך אין די סייפרעס הילס געגנט פון איסט ניו יארק אין ברוקלין, איז די 1908 ציגל און טערא-קאטע קירכע דעזיינ'ט געווארן דורך ניו יארק - באזירטע ארכיטעקטן וויליאם פ. באניסטער און ריטשארד מ. שנעל, וועמענס פירמע האט זיך ספעציאליזירט אין עקלעסיאסטישע געביידעס. די ענגלישע גאטיק רעוויוועל סטיל קירכע איז געווען אנערקענט צווישן לוטערן באפעלקערונגען אין ברוקלין אין די צייט פון איר אויפבוי, און דער אויסוואל זיך אפצובערעכן פון טראדיציאנאלע דייטשע קירכע ארכיטעקטורישע סטילן זעט אויס צו אפשפיגלען די קאנגרעגעישאנ'ס באשלוס צו העלפן קירכע מיטגלידער וואס ווילן זיך אסימילירן מיט די געגנט'ס מעינסטרים, ענגליש-רעדנדע קולטור - דאס הייסט, דורכן איינפירן ענגליש אין דינסט סערוויסעס און עדיוקעישאנעל פראגראמען. פארקויפט דורך די מעטראפאליטען ניו יארק סיינאד אין 2016, איז די געביידע יעצט באקאנט אלס די "סייטאדעל קאטעדראל פון לויב און דינסט" און דינט אן אקטיווע פענטעקאסטעל קאנגרעגעישאן.

**פראספעקט לעפערטס גארדענס היסטארישע דיסטריקט, קינגס קאַונטי** - געפינענדיג זיך אין האַרץ פון די פראספעקט לעפערטס גארדענס געגנט אין די בארא און ברוקלין, נעמט די פראספעקט לעפערטס גארדענס היסטארישע דיסטריקט אריין כמעט 800 ביישטייערנדע ריסאורסעס. די אנטוויקלונג היסטאריע פון די דיסטריקט איז געווען באזונדער פון די לעפערטס מענאר היסטארישע דיסטריקט (NRHP 1992) און די לעפערטס מענאר היסטארישע דיסטריקט גרעניץ פארמערונג (NRHP 2017) און, דערפאר, ווערט עס אנערקענט אלס איר אייגענע היסטארישע דיסטריקט. צום ביישפיל, באגרעניצנדע קאווענענטס אויף פראפערטיס אין די לעפערטס מענאר היסטארישע דיסטריקט און גרעניץ פארמערונג געבן פאר יענעם געגנט א זייער באזונדערע סטיל, אינדערצייט וואס די פראספעקט לעפערטס גארדענס היסטארישע דיסטריקט האט זיך געשאפן מער נאטורליך. צווישן די 1880 און 1930 יארן, האבן פיל ערפאלגרייכע בויערס און ארכיטעקטן אריינגעברענגט פאפולערע אורבען ארכיטעקטורישע סטילן אין זייערע דעזיינס פאר די דיסטריקט'ס רייע הייזער, אפארטמענט געביידעס, און געמישטע-באנוץ געביידעס, אריינגערעכנט טודאר רעוויוועל, נעאקלאסישע, און ארט דעקא סטילן.

**טעמפל איזראעל פון די סיטי פון ניו יארק, ניו יארק קאונטי** - יעצט יאנג איזראעל פון די וועסט סייד, נעמט סטארישע שול אין די אפער וועסט סייד געגנט פון מאנהאטען אריין א דריי שטאקיגע סאנקטשוערי פלאץ און א באהאפטענע פיר שטאקיגע קאמיוניטי געביידע. דעזיינ'ט דורך ארכיטעקט וויליאם טאכאו און געבויט אין 1922, איז עס א בייַשפּיל פון א פריע צוואנציגסטע יאר הונדערט אמעריקאנער שול דעזיין

מיט איר קלאסישע רעווייוועל סטיל און אריינגעמונג פון סיי דינסט און קאמיוניטי צוזאמענקונפט פלעצער. די "שול-צענטער" באגריף איז געווען א באדייטנד-אמעריקאנער שול-סארט און האט צוגעשטעלט פלעצער פאר אידישע קאנגרעגעישאנס צו צושטעלן רעליגיעזע דינסט, עדיוקעישאן, און געזעלשאפט פאר זייערע קאמיוניטיס. די אויפבוי פון די שול איז געווען אין די זעלבע צייט ווי די אריבערציאונג פון פיל אידישע איינוואוינער פון הארלעם צו די אפער וועסט סייד, אזוי ווי האָוזינג סטאק און דעמאגראפישע ענדערונגען האבן פאסירט אין די סיטי נאך די ערשטע וועלט קריג. היינט, טוט די געביידע ווייטער דינען אלס א היים פאר סיי אידישע און סעקולערע פלעצער פאר די אפער וועסט סייד געגנט קאמיוניטי.

<u>סאוטערן טיער</u>

**פראטסבורג קאמערשיעל היסטארישע דיסטריקט, סטובען קאונטי** - די פראטסבורג קאמערשיעל היסטארישע דיסטריקט פארטרעט כמעט די גאנצע קאמערציאלע היסטאריע פון די קליינע האמלעט פון פראטסבורג צווישן 1870 און היינט. דער דיסטריקט איז א אייניגע רייע פון אכט געמישטע-באנוץ ציגל און צעמענטענע געביידעס וואס פארמאגן איטאליענישע און נעאקלאסישע סטיל איינקריצונגען וואס איז געבויט געווארן צווישן אומגעפער 1874 און אומגעפער 1913. אין צוגאב, נעמט די דיסטריקט אריין א גרופע פון פינף געביידעס וואס זענען געבויט געווארן אלס פארבינדענע ווערההאוזעס, געשעפטן, און שטאלן און זענען נאנט פארבינדן אין עפאכע און פונקציע צו די הויפט ביזנעס דיסטריקט. אלס א מערקווירדיגע זאמלונג אינערהאלב דעם ווילעזש, טוען די קאמערשיעל געביידעס צייגן די סטילן וואס זענען געווען פאפולער פאר קאמערשיעל ארכיטעקטור פון די שפעטע ניינצנטע יאר הונדערט און פריע צוואנציגסטע יאר הונדערט אין מערב ניו יארק.

**סטוערט פארק, טאמפקינס קאונטי** - סטוערט פארק, וואס די סיטי פון איטאקא פארמאגט, איז געווען א פארוויילונגס פארק וואס דורות פון איטאקא'ס איינוואוינער האבן גענוצט. די פארק'ס לאנדשאפט נעמט אריין די אויפקום פון איטאקא'ס פובליק פארוויילונג ריסאורסעס, וואס מען קען זען אין די פארק'ס זאמלונג פון פיטשורס און איינריכטונגען. עס זענען פארהאן פינף קענטיג באזונדערע געגנטער אינערהאלב פיר היסטארישע פארסעלס, וואס אלע פון זיי זענען אנטוויקלט געווארן אין די שפעטע 1800 יארן ביז די 1950 יארן: רענוויק פארק, קאסקאדילא אטלעטיק גראונדס, פוערטאס פויגל סאנקטשוערי, רענוויק ווילדוואוד, און נומאן גאלף קורס. אמאל אונטער די אייגנטום אדער גע'ליעס'ט דורך פארשידענע קערפערשאפטן וואס האבן באווירקט זייער אנטוויקלונג - די רענוויק פאמיליע; די קאסקאדילא שולע; די קאַיוגע לעיק אפטיילונג פון די איטאקא סטריט רעילוועי; די פילם סטודיא ווארטאן, אינק. - ביז 1921 האט די סיטי און איטאקא פארמאגט אלע פון די באזונדערע פארסעלס און געעפנט סטוערט פארק פריי פון אפצאל פאר פובליק באנוץ אין 1923. די פארק האלט אן צענדליגער געביידעס און סטרוקטורן וועלכע זענען אומגעוועגליכע איבערגעבליבענע ביישפילן פון זייערע סארטן מיט א הויכע מאס פון ארכיטעקטורישע קונסט וואס העלפט פארשטעלן סטילן וואס מען האט אויסגעוועלט פאר זייערע באנוצן, אריינגערעכנט א באד הויז, פאוויליאנס, טעניס קאורטס, פלאטפארמעס, א קאראוסעל, פוס בריקן, שפיל פלעצער, געיטוועיס, א טיי הויז, און נאך.

<u>מערב ניו יארק</u>

**לאסטראן הויז וועסטשעסטער דעלאקס מאדעל M02 #01310, ערי קאונטי** - לאסטראן הויז וועסטשעסטער מאדעל M02 #01310, וואס געפינט זיך אין טאון אוו אידען, איז אן אויסגעצייכנטע, אומבאאירטע בײַשפּיל פון א לאסטראן פארויס-פראדוצירטע הויז מיט אן אומבאאירטן קאארדינירנדע מאדעל G-1 לאסטראן גאראזש. ביידע זענען מערקווירדיגע ביישפילן פון די אלס-מער זעלטענע סארט פון פאראויס-פאבריצירטע, מאסן-פראדוצירטע האָוזינג וואס די לאסטראן קארפאראציע האט געמאכט דורכאויס איר קורצע עקזיסטענץ נאך די צווייטע וועלט קריג. באלד דערקענבאר דורך אירע ענאמאלד אייזערנע פאנעלן, טוען לאסטראן הייזער פארטרעטן ערפינדערישקייט וואס איז געשאפן געווארן דורך נאך די צווייטע וועלט קריג האוזינג מאנגלען און איז ערמעגליכט געווארן דורך פארגעשריטענע אינדוסטריאליזאציע. לאסטראן הייזער זענען רעקלאמירט געווארן אלס זייענדיג מעגליך צו ווערן

געפאקט, אפגעשיקט, און אויפגעשטעלט סיי וואו אינעם גאנצן לאנד, אבער טראץ זייער רעקלאמירונג, זענען ווייניגער ווי 2,700 הייזער פראדוצירט געווארן פון 1946-1950. די וועסטשעסטער דעלאקס מאדעל און גאראזש זענען אריגינעל געבויט געווארן אין וועסטפיעלד אין טשאטאקווא קאונטי אין 1949/1950, און אין 2017 זענען זיי פארזיכטיג איבערגעבויט געווארן נוצנדיג די אריגינעלע פירמע אויפשטעלונג אנווייזונגען אלס א וועגווייזער און שפעטער איבערגעבויט געווארן אויף א נייע פאנדאמענט אין אידען אין 2018.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזען מער ווי 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און נאך, וועלכע האט געזען א רעקארד 79.5 מיליאן באזוכן אין 2022. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער רופט 518.474.0456: פארבינדט אייך אויך דורך Facebook, Instagram און Twitter.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן